אין פלאַנטער פון לעבן...

א העכסט שפאַנענדער ראמאַן פון דעם מאָדערנעם אידישן לעבן אין אמעריקא

פון מ. ס.

(פארזעצונג)

— לוסי טייערע... — האט ער אנגעהויבן שטאַמלען — וואס פארט איז דא געשען?

— גאר ניט... גאר ניט! — האט זי געענטפערט און האט גיך אויסגעצויגן איר האנט. — עס האט גאר ניט פאסירט... גאר ניט... גוטע נאכט...

זי איז אריינגעלאפן אין הויז, פארקלאפנדיק די טיר הינטער זיך. בען איז געבליבן שטיין מיט א פארקלעמט הארץ.

ער האט זיך געפילט באליידיקט און אזוי ווי אויסגעלאכט. כאטש ער האט אויף איר געפונען א זכות, אז זי האט אין אזא מאמענט אנדערש ניט געקאנט האנדלען... מיט לאנגזאמע טריט און א טיף-פארטראכטער האט ער אנגעהויבן גיין צופוס אהיים. די גאסן זיינען געווען שטיל און אויסגעליידיקט פון מענשן. דער הימל איז געווען פינסטער און די שטערן האבן זיך באהאלטן אונטער א גרויען צודעק. בען האט געפילט ווי דאס הארץ דריקט אים, אזוי ווי עס וואלט זיך אים געוואלט וויינען, וואס פאר א נאר ער איז... וואס פאר א נארישקייטן האט ער זיך אריינגענומען אין קאפ... וואס יאגט ער זיך נאך א שאטן... זעט ער דען ניט ווי לוסי באהאנדלט אים... אז זי קוקט זיך כמעט ניט אום אויף אים... אז זי נוצט אים אויס נאר דעמאלט ווען זי דארף אים... אזוי ווי דעמאלט, ווען זי האט געדארפט אז ער זאל זי ארויסהעלפן מיט לעסאנס אין לאטיין...

ביסלאכווייז האבן זיינע געדאנקען זיך אריבערגעטראגן אהיים, אויף זיין בלייבער אומגליקער מוטער, און אויף דער יונגער רעי מילער, וועלכע איז לעצטנס געווארן אן אייגענע ביי זיי אין הויז. ער האט געוואוסט אז רעי איז אוועק פון מר. גארבער, ווייל ער האט זי מיאוס באליידיקט. ער האט אבער ניט געוואוסט דעם אמת וואס מיט איר האט פאסירט. ער האט רחמנות געהאט. און וואס מער זי איז געווען ביי זיי אין הויז, אלץ מער האט ער אנגעהויבן צו פארשטיין, אז יענער געפיל וואס האט זיך געהאט געוועקט אין זיין הארצן ווען ער האט געארבעט אין וואלף גארבערס אפיס, איז געווען, ניט ווי ער האט דאמאלט געמיינט, א געפיל פון ליבע, נאר א געפיל פון רחמנות, וואס ער האט, מיט זיין יונג הארץ, געטראגן צו יעדן ארימען און אונטערדריקטן.

איצט, גייענדיק אהיים, און פילנדיק זיך באליידיקט פון לוסי'ן וואס ער איז, אין דער דאזיקער נאכט, אזוי צו היקף איר געקומען, איז אים ארויפגעשוואומען אויפן געדאנק דאס בילד פון רעי מילער, איר שטילקייט און איר צוריקגעהאלטנקייט, איר דערשלאגנקייט און דער שטילער אומעט אין אירע אויגן... פארוואס שטרעקט ער ניט אויס די הענט צו איר? זעט ער דען ניט אז זי האט אים ליב, אז איר הארץ גייט אויס נאך אים? זעט ער ניט ווי עס בענקען אירע פארשמאכטע ליפען נאך זיינעם א קוש? די ערשטע צייט האט בען געטראכט, אז דאס געפיל פון זיין פאטערס פלוצים'דיקן טויט האט אים געהאלטן ווייט פון איר, אזוי ווי ער וואלט זיך ניט פארגונען אין אזא שווערער צייט, צו פארברענגען מיט א מיידל, אבער איצט האט ער פארשטאנען אז דאס איז ניט דערפאר... א סימן, אט האט ער זיך אזוי געצויגן מיט בענקשאפט נאך לוסין... וואלט זי אים נאר ניט אוועקגעשטויסן פון זיך... ער וואלט ניט געפרעגט וואס ס'איז געשען מיט איר אין דער דאזיקער נאכט... ער וואלט אלץ מוחל געווען... אלץ פארגעסן... ווען זי וואלט נאר אויסגעשטרעקט די הענט צו אים.

בען איז צוגעקומען צו דער הויז און האט מיט זיין שליסל געעפנט די טיר. מיט אמאל האט ער דערשפירט א מין וויכטיקייט אין זיך — דער עלטסטער מאנסביל אין הויז, און ער האט זיך גענומען אויסטראכטן וואס ער טראגט זיך ארום מיט אזעלכע נארישע, "איינגעלשע" געדאנקען... לוסי, רעי... ער האט וויכטיקערע זאכן אויפן קאפ... ער איז א יתום... ער איז דער עלטסטער אין הויז... ער דארף זארגן פאר פאמיליע... כאטש ער האט אליין קוים באגריפן וואס "זארגן" מיינט.

ער איז געווען איבערראשט ווען ער האט דערזעען אז אין פראנטצימער איז נאך ליכטיק. רעי איז געזעסן איינע אליין, אויף דער קאנאפע, און האט געהאלטן א בוך. זי האט אבער ניט געלייענט.

— איר שלאפט נאך ניט? — האט ער אויסגערופן מיט פארוואונדערונג.

— איצט קאן איך גיין שלאפן, — האט זי געענטפערט מיט א שמייכל און איז אוועק צו זיך אין צימער.

אין בין קיינער ניט

א פאר שטארקע הענט האבן דעם ארימען טרעמפ ארונטערגעשלעפט פון דעם פערד, אויף וועלכן ער איז געזעסן.

די הענט האבן אים געדריקט אזוי ווי אייזערנע רייפן. אבער דער טרעמפ האט זיך ניט געווערט. ער האט זיך געלאזט שלעפן אן ווידערשטאנד. ער האט געקוקט אויף זיינע אנגרייפער מיט מידע, אויסגעלאשענע אויגן, אזוי ווי ער וואלט געווען א בלינדער.

ס'איז געווען שווער צו פארשטיין וואס מיט דעם מענשן איז פארגעקומען אין דער דאזיקער מינוט. האט ער דען ניט געזעען אין וואס פאר א געפאר ער געפינט זיך. האט ער דען ניט געזעען די בלוט-דורשטיקע אויגן פון די אויפגערעגטע פארמערם ארום אים? האט ער דען ניט געזעען דעם שטריק וואס איינער פון זיי האט פארווארפן אויף א בוים, ביי דער זייט פון וועג? האט ער דען ניט געפילט די שטארקע, אייזערנע הענט וואס האבן אים געריסן, געשלעפט, אהין צו דער תליה?

שווער געווען צו זאגן צי דער דאזיקער מענש איז וואך אדער ער איז אין חלום? עס האט געשיינט, אז ער באגרייפט ניט וואס מיט אים טוט זיך, און אז ער פילט ניט די געפאר. קיין ענדערונג האט זיך ניט באוויזן אויף זיין פנים אפילו דעמאלט ווען דער שעריף האט אויסגעשאסן פון זיין רעוואלווער.

ער האט אויסגעשאסן אין דער לופט, כדי איבערצושרעקן די פארמער. דערביי האט ער געשריען מיט אלע כחות:

— איך וועל שיסן יעדן איינעם וואס וועט וואגן עפעס צו טאן צום פריזאנער

און כאטש ער האט דאס געזאגט מיט זיין גאנצן כח, האט ער אבער אליין געפילט ווי ווייניק כח ער האט קעגן די צעהיצטע מענשן, און אז זיין רעוואלווער קאן ניט נאר ניט באשיצן זיין ארעסטאנט, נאר אפילו ניט אים אליין.

צערייצט פון דעם רעוואלווער-שאס האבן די פארמערם נאך מער זיך געדריקט ארום דעם דערשלאגענעם טרעמפ.

— הייננגען אים! לינטשן אים! — האבן געדונערט זייערע שטימען.

זיי האבן אים שוין געהאט צוגעבראכט נאענט צום בוים, אויף וועלכן דער שטריק איז געהאנגען. איינער פון די פארמער האט מיט אן אויסגעשריי פון א ווילדן אים ארויפגעלייגט די שטריק אויפן האלז.

דער טרעמפ האט פארמאכט די אויגן פאר שרעק אדער פאר עקל. אין דער מינוט האט אלץ זיך שנעל א דריי געטאן פאר אים. אין איין אויגנבליק איז דער הימל געווען אונטער זיינע פיס און די ערד האט זיך געשפרייט איבער זיין קאפ. די בוימער האבן זיך געדרייט אין א משוגע'דיקן טאנץ, אויסגעמישט מיט דעם ווילדן געשריי פון מענער און פרויען, וואס איז געווען ענלאך צום רעווען פון חיות אין וואלד. זיין גאנץ לעבן וואס ער האט אפגעלעבט ביז איצט איז אין איין אויגנבליק דורכגעלאפן דורך זיין אויג. ווייב און קינדער, פריינט און באקאנטע, היים און געשעפט, אלץ וואס ער האט געהאט און פארמאגט, אלץ וואס איז אים געווען אזוי טייער און אזוי ליב, אלץ וואס איז ביי אים געווען אזוי הייליק און אפגעהיט, אלץ וואס ער האט געהאט און האט פארלוירן אין איין אומגליקלאכן אויגנבליק — אלץ האט זיך געמישט אין זיין קאפ, אלץ האט זיך גענדרייט אין א משוגענעם פלאנטער...

וועט ער זיי שוין טאקע מער ניט זעען? ניט זיין ווייב, ניט זיינע קינדער?

און איז דאס טאקע זיין סוף? שוין זיין סוף?

איז דאס טאקע די שטראף זיינע דערפאר וואס ער האט, איינמאל אין זיין לעבן, זיך אויסגעגליטשט?

זאל ער פארמאכן די אויגן, איבערגעבן זיך דעם שיקזאל, אננעמענדיק די שטראף און זיך לאזן אומברענגען ווי א מיאוס'ער פארברעכער?

אדער זאל ער עפענען דאס מויל? רעדן, זאגן, דערקלערן, בעטן רחמנות?

ניין... ניט בעטן, ניט ביי די דאזיקע מענשן... וואס ווייסט א ווילדע חיה פון רחמנות?

רעדן?.. זאגן?.. וואס קאן ער זאגן?..

וואס קאן ער דערקלערן?

ווער וועט אים גלויבן?

ער האט געעפנט די אויגן און האט געקוקט אויף דער צעווילדעוועטער מאסע מיט א צעמישטן בליק.

אזוי מורא'דיק און אומנאטירלאך איז געווען דער בליק פון זיינע אויגן, אז די מענשן ארום אים האבן זיך אזוי ווי דערשראקן און האבן זיך געגעבן א ריק אפ אויף עטלאכע טריט.

ער האט שווער געאטעמט. זיין הארץ אונטער דער אלטער צעריסענער שמאטע, האט זיך שנעל געהויבן אראפ און ארויף. זיינע ליפן זיינען געווען בלאס און פארשמאכט. די ווייסלאכע פון זיינע אויגן זיינען געווען פארלאפן מיט בלוט.

— איך האב גארניט געטאן... — האט ער ארויסגעשטאמלט א פאר שוואכע ווערטער, וואס האבן, אזוי ווי אן זיין ווילן, זיך ארויסגעריסן פון זיין מויל.

אבער זיינע ווערטער, שוואכע און שטילע האבן געמאכט ווייניקער איינדרוק ווי זיין פריערדיק שווייגן און ווי דער שטומער אויסדרוק פון זיינע אויגן.

— הייננגען אים! לינטשן אים! — האט ווידער אויפגעברויזט דאס פריערדיקע געשריי!

און צענדליקער הענט האבן זיך געצויגן צו אים. דער שטריק ארום זיין האלז האט זיך אנגעהויבן פארציען ענג ווערן...

אין דער מינוט האט זיך דערהערט א שאס פון א רעוואלווער און באלד נאך א געשריי:

— האלט! שטיי! ווארט!

אלע האבן זיך אומגעקוקט/ אין דער זייט פון וואנען דאס געשריי איז געקומען.

— ווער איז? ווער שרייט? — האט איינער געפרעגט ביים אנדערן.

— לאזט צו! לאזט צו! — האבן געשריען קולות.

אימעצער האט זיך דורכגעשפארט דורכן עולם, מאכנדיק זיך א וועג מיט די שפיצן פון זיינע עלנבויגנס. ענדלאך האט דער עולם דערזעען דעם פארמער, מר. דזשאן דעטווייליער, וועלכער איז אנגעקומען פירנדיק מיט זיך זיין טאכטער, נעטי.

דזשאן איז געלאפן פאראויס און האט געמאכט פאר זיי דעם וועג.

— היר, היר! — האט ער געשריען.

— אט דא איז ער!

דער פאטער האט געפירט דאס צעשראקענע קינד ביי דער האנט. זי איז געווען בלאס און האט געקוקט מיט גרויסע אויגן אויף דעם ארומיקן עולם מענשן וואס האט זיך צונויפגעקליבן. ווען זי האט דערזען דאס פארוואקסענע פנים פון דעם טרעמפ, מיט דעם שטריק אויף זיין האלז, האט זי ארויסגעלאזן א געשריי און האט מיט שרעק פארדעקט דאס פנים מיט ביידע הענט.

— זי האט אים דערקאנט! — דערקאנט! — האט דער עולם אנגעהויבן שרייען פון אלע זייטן.

מר. דעטווייליער האט זי געשלעפט מיט זיך, ביז זיי זיינען צוגעקומען נאענט צו דעם געפאנגענעם.

א ווילדער כעס האט זיך צעברענט אין דעם פאטער'ס הארץ. ער האט מיט זיינע אייגענע הענט זיך געוואלט א ווארף טאן אויף דעם פרעמדן, און זיך אפרעכענען פאר זיין קינד. ער האט זיך אבער צוריקגעהאלטן מיט אלע זיינע כחות. ער האט בלויז ארויסגעלאזט א מיאוס'ע זידל ווארט און האט א געשריי געטאן מיט גיפט:

— וואס האסטו געוואלט פון מיין קינד, הא?

און דא איז פארגעקומען עפעס מערקווירדיקעס. דער טרעמפ, מיט געבונדענע הענט אויפן רוקן און מיטן שטריק אויף זיין האלז, האט אויפגעהויבן זיינע אויגן, גרויסע, פארלאפענע מיט בלוט, און זיינע ליפן, פארשמאכטע, האבן זיך געבעטן:

— איך האב דיין קינד ניט געטשעפעט!..

דער טאן איז געווען אזוי רירנד, אזוי ווייך, אז מר. דעטווייליער האט אראפגעלאזט די הענט און פארוואונדערט געקוקט אויף דעם געפאנגענעם.

און באלד דערנאך האט ער א כאפ געטאן זיין קינד נעטי ביי די אקסל:

— זאג, נעטי, דערקענסטו אים?

נעטי האט נאך אלץ געהאלטן ביידע הענט אויף איר פנים, אזוי ווי זי וואלט מורא געהאט צו קוקן אויפן טרעמפ.

— ענטפער, נעטי, מ'רעדט דאך צו דיר! האט דער פאטער אויסגעשריען.

— איך ווייס ניט, איך ווייס ניט...

— האט נעטי אויסגעבראכן אין א יאמער און האט באהאלטן דאס פנים אויף דעם פאטערס ברוסט. ער האט זי געטוליעט צו זיך, געגלעט אירע האר און האט זי בארואיקט:

— זי איז געבאך זייער צעשראקן, דאס קינד, — האט ער געזאגט. — לאמיר דעם מענשן ניט טשעפען, לאמיר אים איבערגעבן דעם שעריף. ער וועט פון אונז ניט אנטלויפן...

— הייננגט אים! לינטשן אים! — האט זיך ווידער דערהערט א געשריי.

אבער דאס געשריי איז שוין געווען אפגעשוואכט. עס האט שוין ניט געהאט די פריערדיקע קראפט און אימפעט. דער שעריף האט געפילט אז די גרעסטע געפאר איז שוין אריבער.

און דער ארימער טרעמפ האט שוין ווידער געהאלטן די אויגן פארמאכט און האט זיך שווער געוויגט אויף זיינע פיס. ער האט געפילט ווי מען האט ארונטערגענומען דעם שטריק פון האלז. ער האט געפילט ווי מען האט אים צוריק ארויפגעזעצט אויפן פערד און ווי דער שעריף האט זיך געזעצט מיט אים צוזאמען, אבער דורך דער גאנצער צייט האט ער אפילו די אויגן ניט געעפנט, א קוק צו טאן ווער זיינען די מענשן ארום אים, און וואו געפינט ער זיך דא.

דערנאך האבן זיך אנגעהויבן טעג פון מאטערנישן. צוויי מאל אין דער זעלבער וואך איז דער ארעסטירטער געשטעלט געווארן פנים אל פנים מיט דער יונגער נעטי, אבער ביידע מאל איז דאס קינד געווען אזוי צעשראקן און היסטעריש, אז ס'איז שווער געווען צו זאגן צי זי האט דערקענט דעם טרעמפ אלס איר אנגרייפער אין דער נאכט פון טהענקס גיווינג אדער ניט.

דער קאונטרי-אטוערני, א מיטטעל-יעריקער מענש מיט א רויט, געזונט פנים, האט גענומען דעם געפאנגענעם אויף א שטרענגן פארהער:

— ווי הייסטו?

דער טרעמפ האט ניט געענטפערט. פונקט ווי אין דעם מאמענט ווען די מאכט האט אים גענומען געפאנגען אזוי האט ער אויך איצט פארמאכט זיין מויל. ער האט ניט געוואלט ענטפערן.

(ווייטערעס קומט)

לשמוע אל הרנה ואל התפלה

אויף א וואונדערלאך שיינעם אופן צוגעגרייט און סטיליזירט פאר דער תלמוד תורה שול, פון

מנגן בנימין בראַנשטיין

אויף די קומענדיקע ימים נוראים, מיט דער העפלאכער מיטווירקונג פון

מנגן מ. דושייקאָב

אלס דיריגענט פון דעם גוט איינגעשטודירטן כאר

יעדע קאמפאזיציע — א מוסטערהאפטער פירוש אויף אונזערע מיט'ן צער פון דורות דורכגעוועבטע תפלות, אין נוסח און אין גייסט פון אונזער טראדיציע.

קומט און לעבט דורך אן אמת'ן עונג יום טוב, אין אן אטמאספערע פון קדושה און געהויבענער שטימונג

טיקעטס צו באקומען אין אפיס פון דער תלמוד תורה, קארנער טשארלס און פלארא.

שול קאמיטעט פון תלמוד תורה

א זעלטענע געלעגנהייט!

נוצט אויס די געלעגנהייט און האט א ריינעם טלית פאר יום טוב

$1.00

פאר נעקסטער וואך וועלן מיר אויסקלינען אייער טלית פריי מיט יעדן מענס סוט דריי קלינד און געפרעסט — קליינע ריפעירס פריי

אין 24 שטונדן קאנען מיר מאכן אייער סוט אויסזעען אזוי שיין פונקט ווי ווען ער איז געווען ניי. פארשטייט זיך, מיר וועלן קומען נאך אים און ברענגען צוריק צו אייך. לאזט אונז אייך שפארן געלט אויף אייער דריי קלינינג און דייאינג.

אייער טלית קלינען מיר פריי

אלץ וואס איר דארפט טאן איז טעלעפאנירן 89 304 (3 ליינס)

UNITED DYERS & CLEANERS LIMITED

593 Notre Dame Ave. Phone 89 304

סייל פאַסטערס

געמאכט

אין 24 שעה

שיין און צוציענד

ביי

"דאס אידישע וואָרט"

מיר האבן אן אויסוואל פון הונדערטער קאטס פון די לעצטע צייכענונגען צו באצירן די פאסטערס

מיר טוען די גאנצע ארבעט

שיקט אונז בלויז אריין די פרייזן פון די ארטיקלען וועלכע איר ווילט ארויסשטעלן אויפן סייל — און מיר טוען שוין פאר אייך דאס איבעריקע

שרייבט אין וועלכע שפראך איר ווילט צו

THE ISRAELITE PRESS LIMITED

165 Selkirk Ave. Phones: 52 213 - 55 409

די טעטיקייט פון דער "הדסה" אין די קליינע "קאָנטרים" פון סאסקאטשעוואן

פון ט. גורשטיין

אין דעם קאלטן לאנד קאנאדע זיינען מיר מענשן מיט ווארימע הערצער.

ארום מעלפארט, סאסק. איז דא א צאל קליינע קאנטרים, וואו אידישע פאמיליעס ציען זייער פרנסה. און ניט קוקנדיק דארויף וואס די פרויען ארבעטן שווער צוזאמען מיט די מענער צו מאכן א לעבן האבן זיי אויך אין זינען מער, ווי דאס טאג-טעגלאכע לעבען:

די פרויען, וועלכע זיינען גאנצע טעג פארנומען און אויך א טייל פון דעם אוונט מיט פרנסה, פארזארגט מיט דעם הויז און הויזגעזונט, און ווי שנעל זיי געפונען א פרייע מינוט, ווי שנעל 3—2 פרויען קומען זיך צוזאמען וועט מען זיי הערן ריידן פון העכערם און שענערם ווי דאס טאג-טעגלאכע לעבן.

מעלפארט פארמאגט 5 אידישע פאמיליעס, ווי דאס רעכנט זיך דער צענטער פון דער ארומיקער געגנט, אין וועלכן אין יעדער קליין "קאנטרילע" געפינט זיך א אידישע פאמיליע.

מיט 2 יאר צוריק האבן זיך די צעווארפענע עטלאכע פאמיליעס פאראייניקט און זיך ארגאניזירט אין דער "הדסה טשאפטער", אנגעפירט פון מרס. י. פרומאן, פרעזידענטן וועלכע פארמאגט 12 "מעמבערס".

זייער ארבעט איז פון דער ערשטער מינוט אן דערפאלגרייך.

אזוי ארבעטן זיי אין דער שטיל און געפינען טרייסט און צופרידנקייט אין זייער ארבעט.

ווינטער איז זייער ארבעט שוואכער דערפאר אבער איז זייער ארבעט אין זומער געבענטשט, ווייל יעדע פאמיליע האט א "קאר". פארט מען זיך צונויף אלע זונטאג און אפט מיטוואך נאך מיטאג אויף "מיטינגס", "טים", "פארטיעס" א. א. וו. און מען פארברענגט זיך אלע צוזאמען און אין דער זעלבער צייט מאכט מען געלט פאר דער "הדסה".

דעם 9"טן יולי איז פארגעקומען א מיטינג אין "סילווער ביטש" סאסק., — וואו מען האט דערוויילט נייע אפיסערם. מרס. י. גורשטיין, פרעזידענטן, מרס. נ. פאלאק, וויצע-פרעזידענטן מרס. ז. נייטש, סעקרעטארי, מרס. ל. סמארדן, קאסירער און פון דעם ערשטן מיטינג אן מיט די נייע אפיסערם איז זייער ארבעט דערפאלגרייך.

דעם 26טן יולי, זיינען זיך אלע מיטגלידער פון דער הדסה זיך צונויפגעפארן קיין "ראונד לייק" מיט זייערע פאמיליעס וואו מען האט זייער גוט פארבראכט. ארום 6 אזייגער האבן די פרויען געגרייט אין פארק לעבן דעם טייך דעם טיש און האבן אויסגעשטעלט די בעסטע און געשמאקסטע זאכן, זיי האבן פאררופן אלע אידן וואס האבן זיך געפונען דארט יונג און אלט, אלע צוזאמען האט מען זיך געזעצט טרינקען און עסן, און טאקע באלד האבן גענומען קלינגען קלינגערס, וועלכע האבן אנגעטראפן ביז $6.85.

ביים טיש האבן די אפיסערם צוזאמען מיט די מעמבערס זיך צונויפגערעדט וועגן דעם קומענדיקן זונטאג וואס עס וועט פארקומען, און מען האט טאקע באלד באשלאסן.

מרס. נייטש האט געפייערט איר מאנ'ס 54טן געבורטסטאג און טאקע אויף דעם זונטאג איז כדי זיך אפצושטעלן אביסל.

מר. און מרס. נייטש וואוינען אין ביטי, סאסק., — זייער א גרויסע שטאט, וואו עס געפינט זיך איין גאס.

עס איז דארט דא א סטיישאן א קאפעי, מר. נייטשס סטאר און נאך 3 הייזער. דאס איז די גרוים פון דער שטאט וואו מר. און מרס. נייטש וואוינען.

א גרויסער עולם איז געווען פארבעטן פון די ארומיקע קאנטרים, וועלכע זיינען ניט פיל גרעסער ווי "ביטי" (א חוץ מעלפארט) ניט קוקנדיק אויף דעם רעגן וואס איז געווען פרייטאג און שבת און די וועגן זיינען ניט געווען אויסגעצייכנט זיינען געקומען די געסט וואס זיינען געווען ווייט פון ביטי 30—35 מייל. די צאל פון די געסט איז געווען 55.

מר. און מרס. נייטש האבן אויסגעדריקט זייער גרוים באדויערן וואס אייניקע פון די געסט האבן געפעלט זיי זיינען געווען ווייט א מהלך פון 40-45 מייל.

די געסט זיינען זיך צונויפגעפארן ארום 3 אזייגער און ביז 6 האט מען זייער גוט פארבראכט, אייניקע ביי "ברידזש" ביי "ראמי" און אייניקע ביי "ארגומענטן". און מרס. נייטש האט מורא געהאט אז אירע געסט זאלן חלילה ניט פאר'חלש'ט ווערן האט זי זיי פארזיסט די קארטן און די ארגומענטן מיט גוטע קענדים און טשאקאלאדן.

די יונגע קינדער האבן פארבראכט מיט פארשיידענע גיימס אין דער גאס און אין הויז.

6 אזייגער זיינען די טישן בארעקט געוואָרן מיט שניי-ווייסע טישטאכער, וועלכע עס איז געשטאנען דאס בעסטע און געשמאקסטע געבעקס און געקעכץ. דער טיש איז געווען זייער שיין באַצירט מיט שיינעם זילבער און מיט שיינע לעבעדיקע בלומען.

שווער האבן געארבעט מרס. בירמאן, מרס. פורמאן און מרס. נייטש ביים צוגרייטן די טישן. אבער זיי האבן אויסגעקוקט ווי דער "שלחן המלך".

אלע געסט האבן באוואונדערט מרס. נייטשס גוטע געבעקס און געקעכץ.

ביים סוף פון דעם "סאפער" האבן אייניקע פון די געסט געהאלטן "ספיטשעס" און געוואונשן מר. נייטש צו דערלעבן צו 120 יאר. צווישן די רעדנער זיינען געווען מר. קאפלאן, מר. פאלאק, מר. בעני פורמאן, צולעצט האט מיס גורשטיין אין נאמען פון דער יוגנט גראטולירט מר. נייטש צו זיין געבורטסטאג און אים געוואונשן אז אלע וואונשן פון אלע געסט זאלן מקוים ווערן, מיס גורשטיין האט פארענדיגט איר וואונשן מיט א ליד "לאמיר אלע אינאיינעם מר. נייטש מקבל פנים זיין", וועלכע אלע געסט האבן מיטגעהאלפן. דאן האט מען געמאכט מיס גורשטיין צו זינגען נאך, און זי האט טאקע ענטערטיינט מיט שיינע חסידישע און פאלקס לידער, וועלכע האבן זיך צוגעפאסט צו דעם אוונט, זייער פיל האט אויסגענומען איינע פון אירע לידער און דאס איז דער "שיכור". מען איז אוועקגעגאנגען פון דעם טיש מיט דער "התקוה" טישלאך פאר ברידזש זיינען געשטעלט געווארן אויף דאס ניי אבער זיי האבן דאס מאל ניט געשפילט פיל, ווייל די יוגנט האט ניט דערלאזט מיט זייער טאנצן און זינגען.

מיס פאלאק, וועלכע האט געשפילט די פיאנא האט געמאכט די מיידלאך און בחורים צום טאנצן, שיינע אידישע און וועלטלאכע טענץ.

באלד זיינען טאקע די "ברידזש" שפילערם אויך געקומען צו די טענץ. און האבן פארלאזט די קארטן אויף די טישלאך פארשעמט...

מרס. נייטש האט געגעבן א קאפ צו ראפלען, וועלכע מרס. י. פורמאן האט זי געוואונען, און מר. נייטשס שמחה האט אריינגעבראכט צו דער הדסה 17 דאלאר. ארום 11 אזייגער האט זיך דער עולם דערמאנט אז מארגן איז מאנטאג און מען דארף זיך אומקערן צו דעם טאג-טעגלאכן לעבן. אייניקע האבן זיך אויסגעדריקט פארוואס די נאכט איז ניט קיין אייביקייט. אבער זעענדיק אז די הענטלאך פונם זייגער רוקן זיך, און אייניקע וועלכע האבן געהאט צו פארן ווייט אין אזא שלעכטן וועג, האבן זיי זיך געמוזט שיידן מיט דעם פריילאכן אוונט וועלכער האט צוגענומען ביי זיי די זארג.

מיט גרוים פארדראס אויף דעם קומענדיקן טאג האבן די געסט געמוזט אפשייד נעמען פון מר. און מרס. נייטש און ווינשנדיק זיי א "גוטע נאכט" האבן זיי זיך צעפארן.

יעקב שנור ע"ה

מיט געבויגענע קעפ שטייען מיר ביי זיין פרישן קבר און מיר דריקן אוים אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו זיין פרוי און קינדער אין זייער גרויסן פארלוסט. מיר ווינשן זיי געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

היברו פרי לאון סאסייטי

געלט אין צייט אויף יום-טוב

ווען איר שיקט געלט צו אייערע קרובים אדער פריינט, דורך דער

CANADIAN NATIONAL EXPRESS

זייט איר זיכער אז דאס געלט וועט דערהאלטן ווערן אין צייט. אייער געלט איז זיכער פון פארלוסט. אין פאל דאס געלט קאן ניט אויסגעצאלט ווערן באקומט איר די פולע געשיקטע סומע צוריק.

איר באקומט א קבלה גלייך פאר דעם געשיקטן געלט, און מיר באַזארגן פאר אייך א "רעסיט", דאטירט און אונטערגעשריבן פון דער פערזאן וואס האט דאס געלט באקומען, אייך צו פארזיכערן אז דאס געלט איז דערהאלטן געווארן פון דער ריכטיקער פערזאן.

פאר ווייטערדיקער אינפארמאציע זייט איר געבעטן צו שרייבן צו:

W. H. BRYCE, Manager
Money Order Dept.
Canadian National Express
355 McGill Street, Montreal

Classified Section קלאַסיפייד סעקשאַן

ספעציעלע פרייזן פאר אדווערטייזינג אין דער קלאסיפיצירטער אפטיילונג:

איין מאל, 5ס. פער אגייט ליין
פאר א וואך, 20ס. " "
פאַר א מאנאט, 75ס. " "
3 מאנאטן, $2.15 אגייט ליין
6 מאנאטן, $4.00 " "
פאר 1 יאר, $7.50 " "

:: צו פארקויפן :: FOR SALE

צו פארקויפן א 6 רום הויז, פולי מאדערן. זיך ווענדן אין 357 אבערדין עוו. טעלעפאן 54 792. קיינע אגענטן.

א פול מאדערנע הויז פון 7 רומס, מיט אוק פינישינג, סליפינג באלקאני, אין גוטן אויסגעפיקסטן קאנדישאן, אין אבערדין עווענו, ניט ווייט פון מיין. פרייז $4,000. א גרויסער סנעפ.

אינשורענס פאר אלערליי צוועקן.

געלט צו לייען אויף ביליקן אינטערעסט.

דער גרעסטער אויסוואל פון סוויטס און הייזער צו פארדינגען. ווען איר דארפט א דירה זעט זיך מיט אונז וואס שנעלער.

Sheps Agencies Ltd.
804 מיין סטריט
טעלעפאנס 761 55 און 807 53

:: צו פארדינגען :: FOR RENT

צו פארדינגען א שיינעם 3 רום סוויט אין באלטיק אפארטמענטס. מעסיקער רענט. זיך ווענדן צום קערטייקער. סוויט "די", טעלעפאן 668 56.

צו פארדינגען א גרויסע געפארנישטע רום. זיך ווענדן אין 484 פלארא עווע.

צו פארדינגען א סוויט פון 5 גרויסע רומס 2טן פלאר, ניי דעקארירט, הייסע וואסער אימער, סקרין ווערענדע, סטים באהייצונג, $40 א מאנאט, קאן מופן סעפטעמבער 1טן. 390 סעלקירק עווע. טעלעפאן 061 56.

צו פארדינגען 3 און 4 רום סוויטס, אוק פלארס, עלעקטריק סטאווס, אין אוראנא בלאק, 567 סעלקירק עוו. ביליקע רענט. טעלעפאן 488 55.

צו פארדינגען 2 רומס, פאסיק פאר א יונג פארפאלק, פאר א יונגנמאן אדער א מיידל. ווענדן אין 326 קאטידראל.

סוויט צו פארדינגען

ראמאנא קאורט, 269 פריטשארד עוו. 3 רומס און באד אין מאדערנעם בלאק. עלעקטריק רענדזש. $32 ביז $41 א מאנאט. קאן אריינמופן דעם 1טן אקטאבער. זיך ווענדן צום קערטייקער.
RAMONA COURT
269 PRITCHARD AVE.

סטאָר צו פארדינגען

אין א גוטער לעבעדיקער שטאט מיט א באפעלקערונג פון 25,000. גוט פאר הארדוועער אדער דזשאבער. א מאנאט פרייע רענט. זיך ווענדן צו
FOX & HOLLENBERG
Stenen, Sask.

:: פערזענלאכעס :: PERSONAL

היים און אפיס פארניטשור פארלאנגט
פאר מזומן געלט.
KILSHAW'S
Auctioneers
Canada Bldg. Phone 29 040

מאָטאָר טוריסטן

מיר מאכן פארבינדונגען צווישן מאטאריסטן און פאסאזשירן, אויף א שער עקספענס באזיס. באראטונג פריי.
Auto Transportation Bureau
382 Donald St. Phone 86 139

GIBBONS UPHOLSTERY & METAL WORKS

צוזאמענשטעלונג ארבעט א ספעשעלטי עקספערט ארבעט
ראדיאייטארס, באדי ארבעט, טאפס, אפהאלסטערי
144-6 Fort St., cor. York
Phone 22 667

שדכנים ביורא

לײדיס און דזשענטלמען פון יעדן עלטער און קלאס. אייניקע מיט געלט און היימען, נאר זיי זיינען איינזאם; פריוואַטע ערנהאפטע שידוכים אראנזשירט. שטרענג געהיים. זייער קליינע שדכנות געלט. קומט אדער שרייבט — די מענעדזשער, רום 2, 382 דאנאלד סט. 4 טירן פון נאטר דיים עווענו.

מעדיצינישער מאסאזש

מרס. ה. עדעלסאלאווי, פראפעסיאנעלע מאסאזשיסטין, אויסגעפרובירטער דערפאלג אין באהאנדלען פאראליזעס און אלע פארמעס פון רומאטיזם.
838 SOMERSET BLOCK
Ph. 88 066 Res. 56 766

PERFECT-O-LITE

מאכט דאס שרייבן ביינאכט זיכערער ווי בייטאג. א פראבע איבער א נאכט קאסט אייך גארנים. פארלאנגט עס. מיר קינאן, 672 דאפערין עווע.

CAMPBELL BROS. MARBLE & GRANITE CO.

מיר ספעציאליזירן זיך אין מאכן פארשיידענע אידישע מצבות — זעט אונזער אויסשטעלונג איידער איר באַשטעלט ערגעץ אנדערש. אונזערע פרייזן זיינען זייער מעסיקע.
90 Hespeler Ave., Phone 501 495

געשעפט געלעגנהייטן

באנקראַטירטער געשעפט

דעליקאטעסן, פרוט און גראסערי אין אויסגעצייכנטן לאקיישאן וואו פעאיקער מאן קאן מאכן פיל מער ווי א לעבן, קאן די וואך געקויפט ווערן פאר האלב פרייז, אויב אייער קרעדיט איז גוט קאנט איר עס קויפן מיט קליינעם קעש. געדיינקט, עס וועט שנעל פארקויפט ווערן צו דעם ערשטן בעסטן געשעפטסמאן. אינפארמאציע בלויז אין אפיס.

פורנישינגס און דריי גודס. א גרעסער געשעפט מיט גרויסע מעגלאכקייטען. איר קאנט עס קויפן מיט $3,000 קעש.

אויב איר ווילט א געשעפט, זעט
ה. פערלמאן און ג. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
874 Main St. Phone 51 000

ארבעטער פארלאנגט
HELP WANTED

פארלאנגט א מיידל פאר א קאנטרי סטאר. עקספיריענס ניט נויטיק. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס נומער 6537.

שטעלע פארלאנגט
SITUATION WANTED

יונגערמאן זוכט שטעלע אין קאנטרי צו לערנען מיט קינדער אידיש און העברייאיש. גוטע רעפערענס. פארלאנגט געהאלט צו באצאלן אויסגאבן אין הייסקול ווענדן ד. א. וו. באקס 6504.

א דערפארענער גוטער העברייאיש-אידישער לערער, א געוועזענער לערער אין א אידישער גימנאזיע, א סינגלמאן זוכט א שטעלע ביי א פאמיליע אין א קאנטרי. האט רעפערענסעס. קליינער געהאלט. זיך ווענדן צו "דאס אידישע ווארט" באקס 6463.

אין שטאָט, אין די ביטשעס און אויף אלע הייוועים

אויב איר דארפט איבערמופן, אדער וועלכע ס'איז טראנספער ארבעט טעלעפאנירט צו
סימקינס טראנספער, 52 540
איר וועט זיין זייער צופרידן; אָרדערט ביי אונז אייערע
האָלץ
די בעסטע האלץ צו ביליקע פרייזן
Simkin's Transfer
456 Stella Ave. Ph. 52 540

אדווערטייזט
אין "דאס אידישע וואָרט" —
עס וועט זיך אייך
באצאלן